בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ק"ל

פרשת חיי שרה
שנת תשפ"ו



## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

### שְׁלָאפְן גֶענוּג אוּן עֶסְן צוּ דִי זֶעט

טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים. עֶס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, וַוייל מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מְסַדֵּר זַיין פָאְרְאוֹיס וָואס דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג וֶועט בְּרֶענְגֶען. עֶס אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדֶע אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט; יֶעדֶע אַרְבֶּעט אִין אַן אָפִיס אָדֶער אִין אַ גֶעשֶׁעפְט לוֹיפְט גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף אַ סִיסְטֶעמַאטִישֶׁע אוֹיסְשְׁטֶעל, דָאס מֵיינְט, אָנְהֵייבּ יָאר וֵוייסְט מֶען שׁוֹין וֶועלְכֶע צַייט פוּן יָאר מֶען גֵייט זַיין אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט אַרְבֶּעט, לְמָשָׁל פַאר יוֹם טוֹב וְכַדוֹמֶה, אוּן וֶוען עֶס גֵייט זַיין רוּאִיג. אָבֶּער מְלוּמְדוּת לוֹיפְט נִישְׁט אוֹיף אַ סִיסְטֶעמַאטִישֶׁע אוֹיסְשְׁטֶעל; אַ מְלַמֵּד וֵוייסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַ מִינוּט בֶּעפָאר וָואס עֶס גֵייט אִים אוּנְטֶערְקוּמֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט, אֶפְשָׁר גֵייט בַּאלְד אַ קִינְד שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה, אָדֶער גֵייט זִיךְ אָנְהֵייבְּן אַ קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער.

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג מֶען זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּט אוּן מֶען זָאל עֶסְן פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף יז) אַז אַ מְלַמֵּד דַארְף שְׁלָאפְן גֶענוּג, אוּן אַ מְלַמֵּד דַארְף עֶסְן צוּ דִי זֶעט.

מְחַנְּכִים דַארְפְן אוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם סֵדֶר הַיּוֹם פוּנֶעם טָאג לוֹיט דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט מָארְגְן מִיט דִי קִינְדֶער. אוֹיבּ דֶער קוּמֶענְדִיגֶער טָאג אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר, קֶען מֶען בְּלַייבְּן בַּיינַאכְט אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, שַׁבָּת - קֶען מֶען גֵיין צוּ בָּאטֶע'ס, אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת - קֶען מֶען גֵיין צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה'ס, אָבֶּער אִין אַנְדֶערֶע טֶעג וָואס מָארְגְן אִיז דָא חֵדֶר, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן גֶענוּג פְרִי צוּ הָאבְּן כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער.

### אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן אוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם סֵדֶר הַיּוֹם לוֹיט דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט מָארְגְן מִיט דִי קִינְדֶער, וִויל אִיךְ צוּלֵייגְן אַ וִויכְטִיגֶע נְקוּדָה וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁט נָאר פַאר מְלַמְּדִים.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְשְׁטֶעלְן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע סֵדֶר הַיּוֹם לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גוּט פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן מָארְגְן חֵדֶר דַארְף מֶען זֵיי לֵייגְן שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, כְּדֵי זֵיי זָאלְן מָארְגְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט אוּן קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע בַּאצַייטְנְס.

אַ יוּנְגֶע פָּאר פָאלְק וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער צוּ שִׁיקְן אִין חֵדֶר, אָדֶער אַן עֶלְטֶערֶע פָּאר פָאלְק וָואס הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער, קֶענֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן זֵייעֶר סֵדֶר הַיּוֹם לוֹיט וִוי עֶס אִיז זֵיי גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער אַז מֶען הָאט קִינְדֶער וָואס דַארְפְן גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, דַארְף מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם גַאנְצְן טָאג לוֹיט דֶעם סֵדֶר הַיּוֹם פוּן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען גֵיין שְׁלָאפְן בַּאצַייטְנְס אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין בַּאצַייטְנְס.

מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלְץ צוּ טוּן עֲבוֹדוֹת וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט פַאר זֵיי; מֶען וִויל טוּן חֶסֶד אָדֶער אַנְדֶערֶע מִצְווֹת, אִין דִי צַייט וָואס דִי רִיכְטִיגֶע אַרְבֶּעט אִיז יֶעצְט צוּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גָלוּת אִין מִצְרַיִם; פַּרְעֹה הָאט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דִי עֲבוֹדוֹת, אַן אַרְבֶּעט וָואס גֶעהֶערְט פַאר מֶענֶער הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַאר פְרוֹיעֶן, אוּן אַן אַרְבֶּעט וָואס גֶעהֶערְט פַאר פְרוֹיעֶן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַאר מֶענֶער. אוּן דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ טוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיבּ עֶס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶערְ'ס סֵדֶר הַיּוֹם, אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן בְּלַייבְּן אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט.

אִיךְ נֶעם נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אֲפִילוּ צוּ דִי נֶענְטְסְטֶע שִׂמְחוֹת; וֶוען מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוָוארְן אַ כַּלָּה אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּנָאִים, הָאבּ אִיךְ נָאר מִיטְגֶענוּמֶען מַיין זוּן אַ בָּחוּר, דִי קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען, וַוייל זֵיי דַארְפְן מָארְגְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט אוּן גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע אִין צַייט. פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ שִׂמְחוֹת, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען עֶסְן אַ שְׁטִיקְל קֶעיק? מֶען זֶעט דָאךְ וִוי דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן פוּן מִידְקֵייט, זֵיי שְׁלָאפְן אוֹיף דִי בֶּענְקְלֶעךְ אִינֶעם זַאל, אוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג גֵייעֶן זֵיי שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר!

### מֶען דַארְף קוּמֶען אַפָּאר מִינוּט פַאר דִי צַייט

טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הַאלְטְן דִי זְמַנִּים, מֶען זָאל זַיין צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר. מֶען דַארְף שׁוֹין קוּמֶען אַפָּאר מִינוּט פַאר דִי צַייט, מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל מְסַדֵּר זַיין; אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, אִיז מֶען שׁוֹין אָנְגֶעצוֹיגְן.

## - שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת -

אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען בְּרִיוְון פוּן מְחַנְּכִים מִיט שְׁאֵלוֹת בְּעִנְיָנֵי חִינוּךְ, וֶועל אִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי שְׁאֵלוֹת.

### וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן?

**שְׁאֵלָה א':** אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, עֶר הֶערְט וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי כְּדֵי מֶען זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּט פַאר דִי קִינְדֶער, וָואס קֶען עֶר טוּן אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** לִיגְן אִין בֶּעט רוּט אוֹיךְ אוֹיס! מֶען דַארְף נִישְׁט זוּכְן אַיינְצוּשְׁלָאפְן, אוֹיבּ מֶען לִיגְט אִין בֶּעט פַאר זִיבְּן שָׁעָה, פוּן עֶלְף אַזֵייגֶער בִּיז זֶעקְס אַזֵייגֶער, אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעשְׁלָאפְן - אִיז מֶען אוֹיךְ אוֹיסְגֶערוּט; אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן נָאר צוּלִיבּ דֶעם וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל אַיינְשְׁלָאפְן, אוּן עֶר פַּיינִיגְט זִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט 'וֶוען גֵיי אִיךְ שׁוֹין אַיינְשְׁלָאפְן? אִיךְ דַארְף דָאךְ מָארְגְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט, וִוי אַזוֹי גֵיי אִיךְ מָארְגְן הָאבְּן כֹּחַ? בַּאלְד דַארְף אִיךְ שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֵיין!' (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלא), אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט רוּאִיג אִין בֶּעט, עֶר צְוִוינְגְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְצוּשְׁלָאפְן, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶערוּט.

### אַרַיין אִין כִּתָּה שְׁפֶּעט - קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן?

**שְׁאֵלָה ב':** וִוי אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיבּ מֶען אִיז אַרַיין אִין כִּתָּה שְׁפֶּעט?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם תְּשׁוּבָה טוּן! אַז מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ מוֹסָד, דַארְף מֶען זַיין אִין כִּתָּה אִין צַייט, אוּן זַיין גְרֵייט פַאר דִי קִינְדֶער.

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין גְרֵייט אוֹיפְן פְּלַאץ אִין צַייט?

**שְׁאֵלָה ג':** וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין גְרֵייט אוֹיפְן פְּלַאץ פַאר דֶער מְלַמֵּד קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** פַאר מֶען וִויל אַרַיינְקוּמֶען אִין כִּתָּה, זָאל מֶען עֶפֶענֶען דֶעם טִיר אוּן בְּלַייבְּן שְׁטֵיין בַּיים טִיר, מֶען זָאל זִיךְ אַרוּמְקוּקְן וֶוער עֶס זִיצְט שׁוֹין אוֹיפְן פְּלַאץ. אוֹיבּ מֶען זֶעט אֵיין קִינְד זִיצְט נִישְׁט אוֹיפְן פְּלַאץ, זָאל מֶען יֶענֶעם ווִינְקֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ יֶעדֶער קֶען דָאס נָאכְמַאכְן, עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס כַאפְּן נָאכְנִישְׁט דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְרַמֵּז מִיט דִי אוֹיגְן, דַארְפְן זֵיי נִיצְן זֵייעֶר מוֹיל אוּן זָאגְן: **"גֵיי צוּ דַיין פְּלַאץ"**, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז וִוי וֵוייניגֶער רֶעדְן - אִיז בֶּעסֶער, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זָאגְן: **"גֵיי צוּ דַיין פְּלַאץ"**, **"גֵיי צוּ דַיין פְּלַאץ"**, קֶענֶען דִי וֶוערְטֶער אוֹיסְוֶועפְן אַז עֶס וֶועט מֶער נִישְׁט אוֹיפְטוּן.

אוֹיךְ אִיז גוּט אוֹיסְצוּלוֹיבְּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאצַייטְנְס אוֹיפְן פְּלַאץ, מֶען זָאל זִיךְ אָנְרוּפְן: **"אַ מְחַיֶה צוּ זֶען וִוי דֶער קִינְד אִיז צַייטְלִיךְ"**, **"אַ מְחַיֶה צוּ זֶען וִוי דֶער קִינְד אִיז צַייטְלִיךְ"**.

גֶעדֶענְקְטְס, קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין טִישְׁן וָואס מֶען שְׁטֶעלְט עֶס אַוֶועק אוּן זֵיי רִירְן זִיךְ נִישְׁט, קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער אוּן מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען אִין אֵיין מִינוּט צוּ זַיין גְרֵייט אוֹיפְן פְּלַאץ אִין צַייט, אוֹיבּ מֶען ווִיל דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין גְרֵייט אוֹיפְן פְּלַאץ אִין צַייט - דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן דֶעם צוּ דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מֶען קֶען עֶס אוֹיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן מִיט אַ פְּרָאגְרַאם; בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר נֶעמְט מֶען דָאךְ סֵיי וִוי דִי קִינְדֶער אַמָאל אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן אַמָאל צוּ אַן אוֹיסְפְלוּג, אוּן אַמָאל גֶעבְּט מֶען אַן אֵייזְקְרִיעֶם, זָאל מֶען דָאס הַאלְטְן בְּסוֹד, מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן אַלֶע פְּלֶענֶער וָואס מֶען פְּלַאנְט צוּ טוּן אוּן וואוּ מֶען פְּלַאנְט צוּ גֵיין, נָאר מֶען זָאל זֵיי אָנְצִיעֶן: **"אוֹיבּ מֶען גֵייט זַיין צַייטְלִיךְ אוֹיפְן פְּלַאץ, אוּן מֶען גֵייט זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט מֶען עֶנְק אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּאלוֹינֶען!"** אוּן מֶען גֶעבְּט אַ צֵייכְן אָדֶער אַ קַארְטְל פַאר וֶוער עֶס אִיז בַּאצַייטְנְס אוֹיפְן פְּלַאץ, אוּן נָאךְ אַ גֶעוִוויסֶע צָאל צֵייכֶענֶעס אָדֶער קַארְטְלֶעךְ גֵייט מֶען בַּאקוּמֶען דֶעם בַּאלוֹינוּנְג.

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט?

**שְׁאֵלָה ד':** דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַלְץ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז עֶס דַארְף זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה, נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז עֶס מוּז זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִפְּלִין אִין כִּתָּה, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** צוּ קֶענֶען בַּאוַוייזְן עֶס זָאל זַיין אִין כִּתָּה אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין אוּן עֶס זָאל נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ - אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס קֶען מֶען נָאר בַּאוַוייזְן מִיט סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

לָאמִיר עֶס אַבִּיסְל מַסְבִּיר זַיין. אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין מֵיינְט, דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז 'מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט'; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מְחַנֵךְ מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: 'עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן אוֹיבּ קִינְדֶער רֶעדְן וֶוען אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן רֶעדְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם', עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ! וַוייל אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז בִּשְׁעַת אַ מְלַמֵּד, אַ לֶערֶערִין, אָדֶער עֶלְטֶערְן רֶעדְט, מוּז זַיין שְׁטִיל, דִי מוֹיל מוּז זַיין פַארְמַאכְט; נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶס שְׁטֶערְט פַארְן מְלַמֵּד וֶוען מֶען רֶעדְט, אָדֶער נִישְׁט, אַזוֹי קוּמְט אַ אִידִישֶׁע כִּתָּה.

מֶען דַארְף אָבֶּער בַּאלַאנְסִירְן דִי לוּפְט אִין כִּתָּה, עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּ אָנְגֶעצוֹיגְן אִין כִּתָּה. וַוייל אוֹיבּ דִי לוּפְט אִין כִּתָּה וֶוערְט צוּ בִּיטֶער אוּן זוֹיעֶר, וֶוערְט דֶער מֹחַ פַארְמַאכְט, אוּן דִי קִינְדֶער קֶענֶען מֶער נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן וָואס דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט, עֶס קֶען אֶפְשָׁר אוֹיסְזֶען אַז דִי קִינְדֶער הַאלְטְן מִיט, וַוייל זֵיי קוּקְן אוֹיפְן מְלַמֵּד אוּן זֵיי רִירְן זִיךְ נִישְׁט פוּן פְּלַאץ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט דָא.

אוֹיבּ מֶען חַזֶר'ט מִיט אַ קִינְד אַז אֵיינְס מִיט נָאךְ אֵיינְס אִיז צְוֵויי, אוּן מֶען וֶועט וַוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיפְן קִינְד: **"דוּ מוּזְט גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיינְס מִיט נָאךְ אֵיינְס אִיז צְוֵויי!"** וֶוען מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן: **"ווִיפִיל אִיז אֵיינְס מִיט נָאךְ אֵיינְס?"** גֵייט דָאס קִינְד נִישְׁט ווִיסְן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, וַוייל זַיין מֹחַ אִיז גֶעוָוארְן פַארְהַאקְט.

אוֹיבּ מֶען הַאלְט אִין אֵיין שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער: **"מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט"**, **"מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט"**, וֶועלְן דִי קִינְדֶער גָארְנִישְׁט גֶעדֶענְקֶען, נָאר דִי פָּאר וֶוערְטֶער **"מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט"**... אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ מַעֲשֶׂה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלב), עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם רֶבִּי'ן אוּן אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר גֶע'חַזֶר'ט מִיט זַיין זוּן: **"אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען, זָאלְסְטוּ זָאגְן: 'סַבְרִי מָרָנָן... בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן'"**, [דֶעמָאלְט אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אַנְדֶערֶע גֶעטְרַאנְקֶען, עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען וַויין, אוּן דָאס פְלֶעגְט מֶען גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען אֲפִילוּ פַאר קִינְדֶער], אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר אִים

געלייגט דרוק און געזאגט: **"גֶעדֶענְק'זְשֶׁע!! גֶעדֶענְק'זְשֶׁע!!"** ווען זיי זענען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן האט דער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַארְן קִינְד דעם בֶּעכֶער, און דער רֶבִּי זָאגְט אִים: **"מַאךְ אַ בְּרָכָה"**, האט דאס קִינְד - אַנְשְׁטָאט זָאגְן 'סַבְרִי מָרָנָן' - אָנְגֶעהוֹיבְּן **"גֶעדֶענְק'זְשֶׁע!!"**... האט דער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַארְן טַאטְן: **"זֶעסְט, דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶע'חַזֶר'ט מִיט דַיין זוּן אַבִּיסְל וֵוייניגֶער מָאל און אָן קַיין דְרוּק וָואלְט עֶר גֶעדֶענְקְט צוּ זָאגְן דֶעם 'סַבְרִי מָרָנָן', נָאר פוּן אַזוֹיפִיל מָאל אִיבֶּערְזָאגְן 'גֶעדֶענְק'זְשֶׁע, גֶעדֶענְק'זְשֶׁע, גֶעדֶענְק'זְשֶׁע', הָאסְטוּ אִים פַארְקְלַאפְּט זַיין קָאפּ אַז עֶר גֶעדֶענְקְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, נָאר דָאס וָוארְט 'גֶעדֶענְק'זְשֶׁע'"**.

עֶס מוּז זַיין אִין כִּתָּה אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט און אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט. אַמָאל דַארְף מֶען זַיין אַבִּיסְל שַׁארְף צוּ דִי קִינְדֶער, אָבֶּער סְתַּם אַזוֹי דַארְף מֶען זַיין וֵוייךְ; מֶען דַארְף אוֹיסְרִימֶען דִי קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן יָא, און אוֹיבּ אַ קִינְד האט זִיךְ פַארְגֶעסְן און גֶערֶעדְט אִינְמִיטְן אַ שִׁיעוּר, מוּז מֶען אִים נָאכְנִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן, מֶען קֶען אִים דֶערְמַאנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זָאגְן: **"אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי עֶרְנְסְט, וֶועלְן דִי בָּחוּרִים צִיטֶערְן פוּן דִיר, און זֵיי וֶועלְן גָארְנִישְׁט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין, זֶע עֶס זָאל אַלְץ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין יְשִׁיבָה"**, און אַזוֹי טוּ אִיךְ, אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין יְשִׁיבָה.

## וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד טוּט יֶעדֶע זַאךְ שְׁטַייטֶער פוּן יֶעדְן?

**שְׁאֵלָה ה':** וָואס זָאל מֶען טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֵייסְט יֶעדֶער זָאל טוּן - טוּט עֶר אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער פוּן יֶעדְן?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז 'חִינוּךְ' הָאט נִישְׁט קַיין בּוּךְ מִיט אֵיין צוּגַאנְג צוּ יֶעדֶע שְׁאֵלָה, בַּיי יֶעדְן פַאל בַּאזוּנְדֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּלֵייגְן שֵׂכֶל צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין בַּיי דֶעם פַאל.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיי דִי שְׁאֵלָה, וֶוען אַ קִינְד טוּט יֶעדֶע זַאךְ שְׁטַייטֶער פוּן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלַל אִין דֶעם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר טוּט עֶס שְׁטַייטֶער, אוֹיבּ עֶר טוּט דָאס וַוייל עֶר וִויל זִיךְ חוּצְפָּה'נֶען, דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז וֶוען אַ רֶבִּי זָאגְט עֶפֶּעס דַארְף מֶען גְלַייךְ פָאלְגְן, אָבֶּער אוֹיבּ דָאס קִינְד אִיז אִין נַאטוּר שְׁטַייט, זָאל מֶען אִים אַזוֹי לָאזְן, און מֶען זָאל אִים אוֹיסְלוֹיבְּן וִוי שֵׁיין עֶר פָאלְגְט.

## דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט אוֹיף אִידִישׁ אִין דִי צַייט פוּן עֶנְגְלִישׁ?

**שְׁאֵלָה ו':** אַ לֶערֶערִין וָואס לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער 'עֶנְגְלִישׁ' הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִין אַ בְּרִיוו, אוֹיבּ זִי זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן רֶעדְן מִיט דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ אִין דִי צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי עֶנְגְלִישׁ?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** אִין אַמֶערִיקֶע הָאט מֶען אַיינְגֶעפִירְט אִין דִי שׁוּלֶעס אַז מֶען לֶערְנְט עֶנְגְלִישׁ, וַוייל וִוי נִישְׁט וִוי וואוֹינֶען מִיר דָאךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן דִי גוֹיִם, און אַסַאךְ מָאל קוּמְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף קֶענֶען רֶעדְן אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, דֶערְפַאר אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אִין גֶעוִויסֶע שָׁעָה'ן פוּן טָאג - רֶעדְן סֵיי דִי לֶערֶערִינְס און סֵיי דִי קִינְדֶער אוֹיף דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ; פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעלְן שְׁטְרֶענְג וֶוען אַ מֵיידְל קֶען נָאכְנִישְׁט אַזוֹי גוּט עֶנְגְלִישׁ און זִי רֶעדְט אוֹיף אִידִישׁ.

## וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אָפּ אַ וִוינְט פוּן קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער?

**שְׁאֵלָה ז':** אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִין אַ בְּרִיוו, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן בַּיי דִי עֶלְטֶערע מֵיידְלֶעךְ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין וִוינְט צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** וָואס מֶען וִויל פוֹעֶלְ'ן - דַארְף מֶען שֵׁיין רֶעדְן דֶערְפוּן.

אַז מֶען וֶועט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער מִיט שֵׂכֶל אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע זַאכְן, וֶועט מֶען עֶס קֶענֶען פוֹעֶלְ'ן.

## מֶעג מֶען נִיצְן דִי קָאמְפְּיוּטֶער פוּן שׁוּלֶע פַאר פְּרִיוַואטֶע גֶעבְּרוֹיכְן?

**שְׁאֵלָה ח':** אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִין אַ בְּרִיוו, אוֹיבּ מֶעג מֶען נִיצְן דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס פוּן שׁוּלֶע פַאר פְּרִיוַואטֶע גֶעבְּרוֹיכְן, סוֹף טָאג וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער,

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** לִכְאוֹרָה מֶעג מֶען נִיצְן דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס פוּן שׁוּלֶע פַאר פְּרִיוַואטֶע גֶעבְּרוֹיכְן, עֶס הֵייסְט נִישְׁט קַיין גְנֵיבָה, אָבֶּער עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל אַהֵיימְגֵיין, מֶען זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין שׁוּלֶע זִיצְן בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער.

אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי צַייט פוּן אַרְבֶּעטְן און מֶען וִויל בְּלַייבְּן אִין שׁוּלֶע סְתַּם צוּ זִיצְן בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער - אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ; דָאס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט. דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר אַ פְרוֹי אִיז צוּ זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, קָאכְן נַאכְטְמָאל און מְסַדֵּר זַיין דִי שְׁטוּבּ.

## זַיין אִינְדֶערְהֵיים אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אָדֶער אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע?

**שְׁאֵלָה ט':** אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִין אַ בְּרִיוו, אֵיין מָאל זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אוֹיבּ מֶען קוּמְט אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע און מֶען הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן, וָואס אִיז דֶער אֱמֶת? וָואס אִיז וִויכְטִיגֶער, צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אָדֶער אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** צוּ זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם! אָבֶּער אוֹיבּ מֶען קֶען טוּן בֵּיידֶע, מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע און עֶס וֶועט נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז מֶען קוּמְט אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע.

אָבֶּער אוֹיבּ דִי שְׁטוּבּ וֶוערְט נָאכְגֶעלָאזְט וַוייל דִי מַאמֶע הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער מַאן און דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען נִישְׁט וָואס זֵיי וָואלְטְן בַּאקוּמֶען וֶוען דִי מַאמֶע וָואלְט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט אִין שׁוּלֶע, אִיז קְלָאר אַז מֶען דַארְף אוֹיפְהֶערְן אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע.

מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער אַרְבֶּעטְן אוֹיךְ אִין שׁוּלֶע, און אִיךְ פְרֶעג זֵיי: **"פַארְוָואס שְׁלֶעפְּסְטוּ זִיךְ אַרוֹיס פוּנְדֶערְהֵיים צוּ אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע, בְּלַייבּ אִינְדֶערְהֵיים, זַיי אַ מַאמֶע פַאר דַיינֶע קִינְדֶער"**, זָאגְן זֵיי: **"אַ טָאג וָואס אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן, טוּ אִיךְ גָארְנִישְׁט מֶער אוֹיף אִינְדֶערְהֵיים, פַארְקֶערְט אַ טָאג וָואס אִיךְ גֵיי יָא אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן אִיז מַיין טָאג מֶער אָנְגֶעפִילְט, אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי וַוייל אִיךְ דַארְף זַיין צוּפְרִי אִין שׁוּלֶע, און אֵיינְס אַזֵייגֶער קוּם אִיךְ אַהֵיים און אִיךְ הָאבּ דֶעם טָאג פַאר מִיר פַאר דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט"**.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס אִיז אִינֶערְלִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וֶועגְן מַיין צֶען יֶערִיג אִינְגְל; עֶר לַיידְט פוּן אִינֶערְלִיכֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, עֶר וֶוערְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן זַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער לַיידְן אַסַאךְ מָאל פוּן דֶעם.

עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ לִיכְטִיג קִינְד, מִיר הָאבְּן אָבֶער גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁפֶּעט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן עֶס קֶען נָאךְ יֶעצְט פַּאסִירְן זַאכְן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ שִׂמְחָה אָדֶער אַ פְּלַאץ וָואס אִיז אִים זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט מִיטְצוּהַאלְטְן, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן בַּיינַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן צוּ גֵיין וֶוען עֶר דַארְף. נֶעכְטְן אִיז מַיין וַוייבּ גֶעוֶוען מִיט אִים בַּיים דָאקְטֶער פַאר אַ יֶערְלִיכֶע אוּנְטֶערְזוּכוּנְג אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען זָאל אִים טְרָאגְן צוּ אַ פְּסִיכָאלָאג.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מִיר זָאלְן טוּן.

פוּן וֶוען עֶר אִיז יוּנְג - שְׁרַייעֶן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף אִים, וַוייל עֶר אִיז אַ קִינְד וָואס נֶעמְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. אִיךְ פְלֶעג אִים זֵייעֶר אַסַאךְ קְרִיטִיקִירְן, אָבֶער יֶעצְט אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן רוּאִיג, סְפֶּעצִיעֶל מִיט דֶעם קִינְד. בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן אַמָאל, אָבֶער עֶס אִיז נָאכְאַלְץ וַוייט פוּן וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף זַיין.

פַאר מִיר אַלֵיין טוּט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ גֶעבּ אַ שְׁרֵיי אוֹיף אִים, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ וִוי אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל פִיל אִיךְ וִוי אִיךְ וִויל אִים מַמָּשׁ אָנְפְּרַאסְקֶענֶען, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָאס גֶעשֶׁעט נִישְׁט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר אָבֶער אוֹיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַהֵיימְקוּמֶען זֵייעֶר רוּאִיג, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף מַמָּשׁ וִוי דִי ווִאוּילְסְטֶע אִינְגְל, עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זַיין קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ אוּן עֶר קֶען זֵייעֶר שֵׁיין אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דֶעם. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער וָואס שְׁנֶעלֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַלֵיין דֶעם עֶנְטְפֶער, וַוייל פוּן שְׁרַייעֶן אוּן דֶערְנִידֶערְן אַ קִינְד - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דָאס קִינְד אִינֶערְלִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גּוֹרֵם דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' וְכוּ'. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן כד): "עַל יְדֵי כַּעַס מוֹלִיד בָּנִים שׁוֹטִים", דוּרְךְ כַּעַס גֶעבּוֹירְט מֶען קִינְדֶער שׁוֹטִים; וַוייל דָאס שְׁרַייעֶן אוּן דָאס דֶערְנִידֶערְן - לָאזְט זֵיי נִישְׁט וֶוערְן אַנְטְוִויקֶעלְט וְכוּ' וְכוּ'.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן אַסַאךְ כָּבוֹד, אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן; זָאגְן: "בִּיסְט אַזוֹי גוּט", "בִּיסְט אַזוֹי גֶעשִׁיקְט", "בִּיסְט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען", אוּן וֶוען עֶר טוּט זַאכְן שְׁטַייט אוּן דוּ ווִילְסְט שְׁרַייעֶן, זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְלוֹיבְּן; זָאג אִים: "וִוי גוּט בִּיסְטוּ", "וִוי שְׁנֶעל טוּסְטוּ". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", וִוי וֵוינִיגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט - דַארְף מֶען מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל דִי וָואס הָאבְּן וֵוינִיג שֵׂכֶל - דַארְפְן מֶער כָּבוֹד; דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן קְלִיגֶע עֶלְטֶערְן, שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְלוֹיבְּן דִי קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מְקַבֵּל זַיין דִי שֵׂכֶל פוּן צַדִּיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז וִוי זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער; וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל פוּן צַדִּיקִים הָאט מֶען רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט רַחְמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, "בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט קְלַאפְּן קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן קִינְדֶער, אוּן אַז קִינְדֶער נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים - דַארְף מֶען זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט זִיכֶערְקַייט, נִישְׁט מִיט גֶעשְׁרֵיי אוּן מִיט דֶערְנִידֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שלח תשפ"ד)

**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876